# דעם רבינ'ס ליכט

ויקרא - זכור תשפ"ב
גליון 83



אײַערע קינְדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוטן לעכטיגן שַבָּת פַאר אַלע טייערע קינְדער

שְׁלעפְּט זיך אַ וָואגן אויף די פַאַרְשְׁנֵייטע וֶועגן, עֶס הערְשְׁט יעצְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קֶעלְט אויף די גַאסְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע טְרִיט קוּמְט אָן אוּמְגֶעהוֹיעֶר שְׁוֶוער. וואו אַהִין פָּארְט דֶער וָואגְן? וֶוערְט זִיצְט דָארְט אִינֶעוֵוייניג?

דֶער וָואגְן צִילְט אָנְצוּקוּמֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, דָארְט זִיצְט נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער וִוי ר׳ נָתָן פוּן נֶעמִירוֹב! אוּנְזֶער בַּאקַאנְטֶער ר׳ נָתָן דֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט דַאן גֶעווֹאוֹינְט אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, אָבֶער דָאס יָאר וִויבַאלְד דֶער רֶבִּי פַארְבְּרַאכְט זַיינֶע פּוּרִים טֶעג אִין אָט דֶעם שְׁטָאט, פַארְשְׁטֵייט מֶען אַלֵיין אַז ר׳ נָתָן דֶער תַּלְמִיד וִויל זַיין פּוּרִים בַּיים רֶבִּי'ן.

נָאכְן זִיךְ אַרוּמְוַואלְגֶערְן אוֹיף דִי וֶועגְן נָאנְט צוּ צְוֵויי וָואכְן, אִיז ר׳ נָתָן עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען תַּעֲנִית אֶסְתֵּר פַארְנַאכְטס – הַארְט פַאר מְגִלָּה לֵיינֶען – אִין אַ דֶערְפְל וָואס אִיז צְוֶועלֶעף מֵייל וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע - דָארְט וואו דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט. טְרָאץ דָאס בֶּענְקֶענִישׁ פוּן ר׳ נָתָן צוּ קֶענֶען הֶערְן מְגִלָּה לֵיינֶען




פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ ר׳ נָתָן גֶעלָאזְט פִירְן וִוי אַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט אִים, אוּן זִיךְ גֶעטְרֵייסְט אַז פָארְט אִיז עֶר שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.

אִינֶעם דָארְף הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶעם פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, ר׳ יוּדְל. דִי צְוֵויי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם אַרַיין אִינֶעם נָאנְטְן דֶערְפְל, דִי אִידְן פוּנֶעם דָארְף הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְרֵייט צוּ דִי גֶעסְט וֶועלְכֶע הָאבְן מְצָרֵף גֶעוֶוען צוּם מִנְיָן צוּ קֶענֶען הֶערְן דִי מְגִלָּה מִיט מִנְיָן.

תֵּיכֶף נָאכְן הֶערְן דִי מְגִלָּה הָאט ר׳ נָתָן זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָארְזֶעצְן זַיין נְסִיעָה, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער קוֹדֶם גֶעזֶעצְט צוּם סְעוּדַת פּוּרִים אוּן דֶערְנָאךְ הָאט ר׳ נָתָן זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ דִי אִידְן פוּן שְׁטֶעטְל זֵיי זָאלְן אִים צוּשְׁטֶעלְן אַ בַּעַל עֲגָלָה וֶועלְכֶער זָאל אִים וִוי שְׁנֶעלֶער צוּטְרָאגְן קֵיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, וַוייל ר׳ נָתָן הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען וִוי פְרִיעֶר זֶען דִי צוּרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן! אֲפִילוּ אוֹיב עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען נָאךְ חֲצוֹת, וֶועט עֶר כָאטְשׁ זַיין אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן דֶערְפְל הָאבְן אִים גֶערְן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן ר׳ נָתָן הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג. דֶער בַּעַל עֲגָלָה טְרַייבְּט דִי פֶערְד וִוי שְׁנֶעלֶער. עֶנְדְלִיךְ עֶנְדְלִיךְ אִינְמִיטְן נַאכְט, הָאט שׁוֹין ר׳ נָתָן זִיךְ דֶערְזֶען אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע. דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעהִילְט אִין אַ טִיפֶע שְׁלָאף, אַלֶע הָאטֶעלְן אוּן אַכְסַנְיֶה'ס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְמַאכְט. ר׳ נָתָן וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַהִין זִיךְ צוּ קֶערְן... עֶר שְׁטֵייט מִיט זַיין גֶעפֶּעק אוֹיפְן גַאס, עֶס בּוּדְשֶׁעוֶועט אַ פְּרָאסְטִיגֶע קֶעלְט. וואו גֵייט מֶען? 'אִיךְ וֶועל גֵיין זוּכְן אַ שׁוּל,' טְרַאכְט ר׳ נָתָן צוּ זִיךְ: עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן דִי גַאסְן בִּיז עֶר בַּאמֶערְקְט אַ בִּנְיָן וָואס זֶעט אִים אוֹיס וִוי אַ שׁוּל. וֶוען עֶר פְּרוּבִּירְט דְרֵייעֶן דָאס הֶענְטְל פוּן טִיר בַּאמֶערְקְט עֶר אַז עֶס אִיז פַארְשְׁפַּארְט פוּן אִינֶעוֵוייניג, אֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִין שׁוּל!

ר׳ נָתָן קְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר. "וֶוער קְלַאפְּט אִין טִיר אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט?" הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל פוּן אִינֶעוֵוייניג.

"אַ אִיד, אִיךְ קוּם פוּן אַ וַוייטְן וֶועג" עֶנְטְפֶערְט ר׳ נָתָן "אִיךְ זוּךְ דֶעם אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֶועלְכֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָא אִין שְׁטָאט צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיין טָאכְטֶער."

המשך אויף זייט 8

# אֵיינֶער אַלֵיין

קִינְדֶער לְאָמִיר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר פּוּרִים אִין טְרָאוִויץ אִין שְׁטוּבּ פוּן ר׳ סֶענְדֶער טְרָאווִיצֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה פוּן ר׳ סֶענְדֶער מִיט זַיין בְּרוּדֶער ר׳ לֵייבּ אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים זֶענֶען זִיךְ יֶעצְט צַאמְגֶעקוּמֶען צוּ פְּרַאוֶוען אִינְאֵיינֶעם דֶעם סְעוּדַת פּוּרִים. וֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט טְרֶעפְן זִיךְ פּוּרִים, אַהא!! אִיז דָאס גֶעווַאלְדִיג!! מֶען שְׁרַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ. מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעוויין. דִי דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס אַסַאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן דִי וויין וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן, גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אִיז אַוודַאי נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה אַז עֶס הֵייבְּן זִיךְ דִי פִּיס אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ פְרֵיילִיכֶער טַאנְץ.

טַאקֶע דָאס אִיז יֶעצְט דָאס בִּילְד אִין שְׁטוּבּ פוּן ר׳ סֶענְדֶער. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז פּוּרִים פְלֶעגְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ טַאנְצְן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן אַזוֹיפִיל טַאנְצְן אִיז ר׳ לֵייבּ אַנִידֶער גֶעפַאלְן צוּ דֶער עֶרְד אוּן גֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶער שְׁלָאף.

דִי חֲבֵרִים ווִילְן אָבֶּער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי רִקוּדִים, אָבֶּער דָא לִיגְט אֵיינֶער אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִינְגַאנְצְן פַארְ׳שִׁכּוֹר׳ט, מֶען קֶען אַזוֹי נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין. הָאבְּן דִי חֲבֵרִים אִים גֶעלָאזְט לִיגְן אוּן אַרַייְנְגֶעגַאנְגֶען אִין אַן אַנְדֶערְן צִימֶער צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְן טַאנְצְן. ר׳ לֵייבּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן אִינֶעם עֶרְשְׁטְן צִימֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער עֶרְד אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין גָאר אַ טִיפְן שְׁלָאף.

וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דִי וויין הָאט זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעוֶועפְּט - ר׳ לֵייבּ דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן זֶעט זִיךְ אַלֵיין אִין צִימֶער אָן חֲבֵרִים, לוֹיפְט עֶר אַרַיין אִין אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן שְׁרַייט אוֹיס: "דָאס אִיז חֲבֵרִים? אִיר לָאזְט מִיר לִיגְן אוּן מֶען גֵייט זִיךְ אַוֶועק? דָארְט אוֹיף יֶענֶעם וֶועלְט וֶועט אִיר אוֹיךְ אַזוֹי טוּן - דָארְטְן בְּעָלְמָא דִקְשׁוֹט?! אִיר וֶועט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין - פַאר אַייךְ וֶועט מֶען גֶעבְּן דָארְטְן אַ גְרוֹיסְן 'גַּן עֵדֶן' אוּן מִיר וֶועט אִיר אָפְּלָאזְן?!"

דִי חֲבֵרִים הָאבְּן אַיינְגֶעזֶען אַז ר׳ לֵייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן אַ חָבֵר אַלֵיין!! הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַ 'כְּרִיתוּת בְּרִית' אַ בּוּנְד, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ דָארְטְן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אוֹיךְ זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם!

ר׳ לֵוִי יִצְחָק ז"ל הָאט פַארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס בַּיי דֶעם פִּיפְטְן טָאג. אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בּוֹים, דֶער תַּעֲנוּג פוּן דֶעם בּוֹים - זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְטְן - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְמָאלְן וָואסְפַארַא תַּעֲנוּג דָארְטְן אִיז דָא! אוּנְטֶער דֶעם בּוֹים לֶעבְּן



אַלֶע בְּשָׁלוֹם, דָארְטְן אִיז קַיין שׁוּם שָׁאדְן נִישְׁט דָא! נָאר וָואס דֶען? ווִיבַּאלְד אַז נִישְׁט אַלֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין דֶערְגְרֵייכְט דִי מִדּוֹת פוּנֶעם בּוֹים - וַוארְטְן זֵיי צוּ!!

דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט דָארְט: "צְווִישְׁן זֵיי אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס אַחְדוּת - דִי כִּיתָּה הָאבִּין זִיךְ אַלֶע לִיבּ גֶעהַאט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן."

פְלֶעגְט אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן: 'וָואס טוּעֶן זֵיי אִין דֶער צַייט וָואס זֵיי וַוארְטְן? סְתַּם זִיצְן פָּשׁוּט אוּן וַוארְטְן? מֶען וַוארְט אוֹיף דֶער 'בַּאן'? וָואס טוּעֶן זֵיי דֶערְוַוייל וָואס זֵיי וַוארְטְן?! מוּז מֶען דָאךְ זָאגְן אַז כָאטְשׁ אַלֶע גֵייעֶן צוּם בּוֹים אִיז אוֹיךְ אַ חִילוּק. וָואס אֵיינֶער הָאט אִין זִיךְ מֶערֶער בֶּענְקֶעכְטְץ, גֵייט עֶר אַנְדֶערְשׁ צוּ צוּם בּוֹים!'"



המשך אויף זייט 3




# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג צוּם בָּאס סְטַאנְצְיֶע צוּ פָארְן אִין חֵדֶר, הָאב אִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען כַאפְּן דִי בָּאס פוּן אַכְט אַזֵייגֶער וֶוען בֶּאֱמֶת הָאב אִיךְ גוּט גֶעוואוּסְט אַז יֶעצְט אִיז שׁוֹין 7:59 אוּן דֶער וֶועג בִּיזְ'ן בָּאס סְטַאנְצְיֶע נֶעמְט בְּעֶרֶךְ דְרַיי מִינוּט, אוּן אִיךְ קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט אָנְיָאגְן, אָבֶּער אִיךְ הָאב זַייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל יָא קֶענֶען כַאפְּן דֶעם בָּאס, וַוייל אִיךְ ווִיל קוּמֶען פְּרִי אִין חֵדֶר אוּן עֶר זָאל מִיר מַאכְן אַ נֵס.

אַזוֹי קוּם אִיךְ אָן צוּם סְטַאנְצְיֶע אוּן אִיךְ זֶע ווִי דֶער אוֹיטָאבּוּס שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אוֹיף אֵיינֶעם, אֶפְשָׁר אוֹיף מָשִׁיחַ? הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט! אוּן דֶערְוַוייל וָואס אִיךְ שְׁלֶעפּ מִיךְ אַרוֹיף דֶעם בַּארג בִּיזְן בָּאס סְטַאנְצְיֶע, זֶע אִיךְ ווִי עֶר וַוארְט נָאךְ אַלְץ... (נָארְמַאל וַוארְטְן זֵיי נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט אִיבְּרִיג... זֵיי פְלִיעֶן גְלַייךְ אַוֶועק) אִיךְ נֶעם זִיךְ דֶערְוַוייל גֵיין אַבִּיסְל שְׁנֶעלֶער כְּדֵי צוּ קֶענֶען אָנְיָאגְן דֶעם בָּאס, וֶוען בְּשַׁעַתְ'ן גֵיין בֶּעט אִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן שְׁטִיל אַז אִיךְ זָאל אִים כַאפְּן אוּן נִישְׁט דַארְפְן שְׁפֶּעטִיגְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶער בָּאס הָאט גֶעוָוארְט נָאר אוֹיף מִיר... דֶער בָּאס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים סְטַאנְצְיֶע בְּעֶרֶךְ צְוֵויי מִינוּט אוּן גֶעוָוארְט אוֹיף אֱלִימֶלֶךְ וַוייל עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן! זֶעט מֶען פוּן דָא ווִי גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה פוּן יֶעדְן פְּשׁוּטֶער אִיד, אַז אַ גַאנְצֶע בָּאס הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן וֶועגְן אַ תְּפִלָּה פוּן אַ קִינְד!!!

אֱלִימֶלֶךְ.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען לֶעצְטְנְס אַ שַׁבָּת אִין מִירוֹן בַּיים דַאוֶוענֶען הָאב אִיךְ גֶענוּמֶען אַ סִדוּר אוּן עֶס אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ סְטֶענְדֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען גֶעשְׁמַאק. אָבֶּער דֶער סִדוּר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיךְ הֵייב עֶס צוּרִיק אוֹיף אוּן אִיךְ לֵייגְן עֶס אוֹיפְן סְטֶענְדֶער, אָבֶּער ווִידֶער... דֶער סִדוּר פַאלְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אוּן נָאכְאַמָאל לֵייג אִיךְ עֶס צוּרִיק.

אִיךְ גֶעב צוּ מִיר אַ טְרַאכְט, וָואס קֶען אִיךְ אַרָאפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם גֶעשֶׁעעֶנִישׁ?

אַז אַ סַךְ מָאל קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אַ אִינְגְל פַאלְט אַרָאפּ אִין אִידִישְׁקֵייט, עֶר ווִיל זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ אָבֶּער עֶר פַאלְט, עֶר ווִיל אָפְּהִיטְן זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְן נָאר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער עֶס גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרוֹיס אַ אוּמְרֵיינֶע וָוארְט, עֶר וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער גְלַייךְ הֵייבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן בַּאנֵייט זִיךְ, אוּן ווִידֶער גֶעשֶׁעט... וָואס עֶס זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען.



אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז ווִידֶער "הֵייבּ זִיךְ אוֹיף" הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט".

דָאס הָאב אִיךְ מִיר אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן דֶעם סִדוּר.

נַחְמָן

## דעם רבי'נס לייט

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? אַז מִיר דַארְפְן אִינְזִינֶען הָאבְּן דִי חֲבֵרִים, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים זָאלְן מִיר מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי נָאנְטֶע חֲבֵרִים אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶועלְכֶע קֶענֶען נִיצְן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת. לָאמִיר אַרוֹיסְכַאפְּן כָאטְשׁ פִינֶעף גְרוֹיסֶע מִינוּט מֶשֶׁךְ דֶעם טָאג פּוּרִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל אוּנְז שִׁיקְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן בְּעִקָּר דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶס זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

# ~ די דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# די זיבן בעטלערס

~2~




הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָּה אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, די חֲסָדִים וָואס השי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶועןְ אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט, וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד.

וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט, נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה. אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גִיוואוּנְטְשְׁן, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ.

אִיהר מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין אַ בְּלִינְדֶער, אִיךְ בִּין גָאר נִיט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִיט אָן כְּהֶרֶף עַיִן, (דְהַיינוּ וִוי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי בְּלִינְד, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קֵיין שׁוּם קוּק אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין. וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִיהם גָאר נִיט אָן אֲפִילוּ וִוי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם גִישִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִיהם גָאר נִיט קֵיין זֶעהְן, אוּן קֵיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט). וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, אוּן בִּין פָארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן נִיט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. (דָאס רֶעט אַלְץ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער).

אַמָאל זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַ סַאךְ שִׁיפְן, אוֹיף דֶעם יַם. אִיז גִיקוּמֶען אַ רוּחַ סְעָרָה, (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט) אוּן הָאט צוּבְּרָאכְן די שִׁיפְן. אוּן די מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִיצוֹל גִיוָוארְן, זֶענֶען די מֶענְטְשְׁן גִיקוּמֶען צוּ אֵיין טוּרֶעם, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען אַלֶערְלֵיי מַאֲכָלִים, אוּן מַשְׁקָאוֹת, אוּן מַלְבּוּשִׁים, אוּן וָואס מֶע בַּאדַארְף. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶועןְ כָּל טוּב, אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִין דֶער וֶועלְט.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן אַז אִיטְלִיכֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אֵיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. וָואס עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן זִיכָּרוֹן. דְהַיינוּ וָואס עֶר גִידֶענְקְט זִינְט סֶע הָאט זִיךְ בַּיי אִיהם אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער זִכָּרוֹן. אִיז דָארְטְן גִיוֶועןְ אַלְטֶע אוּן יוּנְגֶע, הָאט מֶען מְכַבֵּד גִיוֶועןְ, דֶעם גְרֶעסְטְן זָקֵן וָואס סֶע גִיוֶועןְ צְווִישְׁן זֵיי, אַז עֶר זָאל צוּם עֶרְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן.

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן (דְהַיינוּ דֶער עֶלְצְטֶער

זָקֵן), וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגִישְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַוייג. הָאט קֵיינֶער נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט. לוֹשְׁמִיר סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען חֲכָמִים, הָאבְּן זֵיי גִיזָאגְט, אָוָוא, דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. הָאט מֶען דֶערְנָאךְ מְכַבֵּד גִיוֶוען דֶעם אַנְדֶערְן זָקֵן, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

הָאט זִיךְ דֶער אַנְדֶערֶער אָנְגִירוּפְן, אָט דָאס אִיז אֵיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. (מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי אֵיינֶער פַארְווּינְדֶערְט זִיךְ). אִיךְ גִידֶענְק דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גִיבְּרֶענְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אָנְגִירוּפְן, הָאט דָאס אִיז נָאךְ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען, וָואס דֶער אַנְדֶערֶער אִיז זִיךְ יוּנְגֶער, אוּן גִידֶענְקְט אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גִיוֶוען דֶעם דְרִיטְן זָקֵן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען. הָאט דֶער דְרִיטֶער זִיךְ אָנְגִירוּפְן. אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז סֶע הָאט זִיךְ גָאר אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער בִּנְיָן פוּן דֶער פְּרִי אַז דִי פְּרִי הָאט גָאר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן דָארְט. דָאס אִיז זִיךְ נָאךְ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער פֶערְדֶער זָקֵן אָנְגִירוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען. אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט גִיפִירְט דָאס קֶערְנְדְל מֶע זָאל פְלַאנְצְן דִי פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער פִיפְטֶער אָנְגִירוּפְן. וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל.

הָאט זִיךְ דֶער זֶעקְסְטֶער, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען, אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם טַעַם פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער טַעַם אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער זִיבֶּעטֶער אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם רֵיחַ פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער רֵיחַ אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער אַכְטֶער אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי מַרְאֶה פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דִי מַרְאֶה אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶער פְּרִי,

אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ דֶעמָאלְט גִיוֶוען גָאר אַ קִינְד. (דְהַיְינוּ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ דָארְט גִיוֶוען הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אִיךְ גִידֶענְק גָאר נִישְׁט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן, הָאט דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה, עֶלְטֶער פוּן אַלֶע, אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גִיוֶוען, וָואס דָאס קִינְד גִידֶענְקְט מֶער פוּן אַלֶע.

דֶערוַוייל אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, אוּן הָאט אָנְגִיקְלַאפְּט אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶע לַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן נִיצְט מִיט אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם טוּרֶעם עֶלְטֶער נָאךְ עֶלְטֶער, וֶוער סֶע עֶלְטֶער זָאל פְרִיעֶר אַרוֹיס גֵיין. הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם טוּרֶעם.

הָאט עֶר פְרִיעֶר דָאס קִינְד אַרוֹיס גִינוּמֶען, וָוארְן צוּם אֶמֶת אִיז עֶר זִיךְ עֶלְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן וֶוער סֶע אִיז יוּנְגֶער גִיוֶוען הָאט עֶר אִים פְרִיעֶר אַרוֹיס גִינוּמֶען. אוּן דֶעם עֶלְצְטְן זָקֵן, הָאט עֶר גָאר צוּם סוֹף אַרוֹיס גִיפִירְט. וָוארְן וֶוער סֶע אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער, דֶער אִיז זִיךְ גִיוֶוען עֶלְטֶער. (וָוארְן וָואס יוּנְגֶער הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט). אוּן דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן דֶער אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער פוּן זֵיי אַלֶע.

הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער צוּ זֵיי אָנְגִירוּפְן, אִיךְ וֶועל אַייךְ מְפָרֵשׁ זַיין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וָואס



המשך אויף זייט 6

דִי אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט. דֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ, אַז מֶע הָעט אָפְּגִישְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַוייג, מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַפִּילוּ אַז מֶע הָאט אִיהם אָפְּגִישְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל. (כְּלוֹמֶר אַפִּילוּ דָאס וָואס מִיט אִיהם הָאט זִיךְ גִיטָאן תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן, אַז מֶע הָאט אִיהם אָפְּגִישְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל, אַפִּילוּ דָאס גִידֶעוְקְט עֶר אוֹיךְ)

אוּן דֶער אַנְדֶערֶער, וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט, עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַפִּילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גִיבְּרֶענְט, מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַז עֶר אִיז גִיוֶוען בְּעִיבּוּר, וָואס דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף דֶעם קָאפּ. (וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא אַז דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד אִיז בַּיי דֶער מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף זַיין קָאפּ וְכוּ׳)

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט אַז עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַפִּילוּ אַז סֶע הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַפִּילוּ וִוי זַיין גוּף הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד הֵייבְּט נָאר אָן בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן. אוּן דֶער גִידֶעוְקְט נָאךְ, דֶעמָאלְט, אַז מֶע הָאט גִיפִירְט דָאס קֶערְנְדְל צוּ פְּלַאנְצְן דִי פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַפִּילוּ וִוי דִי טִפָּה אִיז נִמְשַׁךְ גִיוָוארְן. אוּן דֶער גִידֶעוְקְט נָאךְ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל. מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ, אַפִּילוּ אַז דִי טִפָּה אִיז נָאךְ גִיוֶוען אִין מֹחַ. אוּן דֶער גִידֶעוְקְט נָאךְ דֶעם טַעַם, דָאס אִיז דָאס נֶפֶשׁ. אוּן דֶער רֵיחַ, דָאס אִיז דֶער רוּחַ. אוּן דִי מַרְאֶה. דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה. אוּן דָאס קִינְד הָאט גִיזָאגְט עֶר גִידֶעוְקְט גָאר נִיט. וָוארְן עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן עֶר גִידֶעוְקְט אַפִּילוּ וָואס סֶע גִיוֶוען פַאר נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה. דְרוּם הָאט עֶר גִיזָאגְט, עֶר גִידֶעוְקְט גָאר נִיט (כְּלוֹמֶר עֶר גִידֶעוְקְט נָאךְ אַז סֶע גָאר נִיט גִיוֶוען. גִידֶעוְקְט עֶר אַפִּילוּ וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גִיטָאן וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע).

אוּן דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע שִׁיפְן, דָאס זֶענֶען אַייעֶרֶע גוּפִין וָואס זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גִיוָוארְן, זֵיי וֶועלְן וִוידֶער גִיבּוֹיעֶט וֶוערְן. הַיינְט קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט. אוּן צוּ מִיר, (דְהַיְינוּ צוּם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ)

הָאט עֶר גִיזָאגְט. (דְהַיְינוּ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער) דוּ קוּם מִיט מִיר וָוארִין דוּ בִּיסְט אַזוֹי וִוי אִיךְ. וָוארִין דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן גָאר יוּנְג. אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ לֶעבִּין אוּן דוּ בִּיסְט פָארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַזוֹי. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט. אוּן בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג וְכוּ׳.

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין אָדְלֶער. אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט אוּן בִּין גָאר יוּנְג וְכוּ׳. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. אִיז דָארְט גִיוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

וֶוען ר׳ נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי תּוֹרָה ״וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים״ (תורה י) וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן: ״וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט וֶוערְט הַמְתָּקַת הַדִּינִים״ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ ר׳ נָתָן ״אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט!״ יֶעצְט הֶערְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גְזֵרוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אָט קוּמֶען שׁוֹין צוּ גֵיין דִי טֶעג פוּן פּוּרִים, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן אַלֶע דִינִים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט



**אִיבֶּערְגֶע׳חֲזֶר׳ט: ״אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט!״**

**דֶער רֶבִּינְ׳ס כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן וִויסְן אַז אֲפִילוּ זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אִין זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע טִיפְקֵייט מִיט גָאר הוֹיכֶע סוֹדוֹת, אִיז אָבֶער זַיין עִיקָר כַּוָונָה מִיר זָאלְן עֶס טוּן בִּפְשִׁיטוּת אוּן מִיט תְּמִימוּת אוּן נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פַאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, גְרוֹיסֶע טַאטֶעס. נֵיין! יֶעדֶער אִיד, יֶעדֶעס קִינְד הָאט דֶעם כֹּחַ וֶוען מֶען טוּט דֶעם רֶבִּי׳נְס עֵצוֹת מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת.**

**(שיחות הר״ן קל״א)**

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ אַלֵיין וֵוייסְט דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן נֵס וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין דִי טֶעג פוּן מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר, וֶועלְכֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה קֶעגְן הָמָן עֲמָלֵק - אוֹיסְצוּמֶעקְן זֵייעֶר נָאמֶען אוּן זִכָּרוֹן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְטִיגְקֵייט אוּן מוֹרָא'דִיגֶע יְשׁוּעוֹת פַאר יֶעדְן דוֹר אוּן דוֹר. אוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶער חִיוּת אוּן הָאפֶענוּנְג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָלוּת הַגּוּף אוּן נֶפֶשׁ אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם שְׁטַארְקְן נֵס.

מִיר שְׁטֵייעֶן אוּן הָאפְן פַאר דַיין הִילְף. אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט דַאן אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּן צֶעבְּרָאכְן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אִים אוֹיסְצוּרַייסְן אוּן צוּ מְבַטֵל זַיין אוּן מַכְנִיעַ זַיין זַיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁמוּץ אוּן דוּ הָאסְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי אֱמוּנָה, אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְאַמָאל מְקַיֵים גֶעוֶוען אוּן בַּאקוּמֶען פוּן דָאסְנֵיי דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף אוֹיף אֵייבִּיג, אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט אִינְגַאנְצְן גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, אוֹיסְצוּמֶעקְן אִינְגַאנְצְן דֶעם זֵכֶר עֲמָלֵק אוּן מַעֲבִיר זַיין דֶעם רוּחַ הַטֻּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר אוּן דוּ זָאלְסְט אוּנְז אַרוֹיסְצִיעֶן גָאר שְׁנֶעל פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת. אָמֵן (חלק מלקוטי תפלות תפלה ל"ז ח"ב)

## די דרייצנטע מעשה (2) ־ פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס האט דער בלינדער בעטלער געגעבן אלס דרשה געשאנק?**
- ❑ א שיינע הויז
- ❑ אז זיי זאלן זיין אזוי אלט ווי ער
- ❑ א גרויסע פארמעגן

**ב. פארוואס האט דער בעטלער אויסגעזען בלינד?**
- ❑ ווייל ער איז באמת געווען בלינד
- ❑ ווייל ער איז געווען אלט און האט שוין נישט געקענט גוט זעהן
- ❑ ווייל ער קוקט נישט אין דער וועלט

**ג. וואס איז דער בלינדער בעטלער געווען ?**
- ❑ זייער אלט
- ❑ גאר יונג – בכלל נישט אנגעהויבן צו לעבן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס האט געדענקט דער גרעסטער זקן?**
- ❑ ווען מ'האט אפגעשניטן דאס עפעלע פון די צווייג
- ❑ ווען די ליכט האט געברענט
- ❑ ווען ס'האט אנגעהויבן ווערן א פרי

**ה. וואס האט געדענקט דער פערטער זקן?**
- ❑ ווען מ'האט געפירט די קערנדל
- ❑ די חכמים וואס האבן אויסגעטראכט די קערנדל
- ❑ די טעם פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי

**ו. *שאלת זכות: וואס האט געדענקט דער אכטער זקן?***
- ❑ *די ריח פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי*
- ❑ *די מראה פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי*
- ❑ *ביידע תשובות זענען ריכטיג*

**ז. וואס האט דער בלינדער בעטלער געדענקט ?**
- ❑ די אלע מעשיות
- ❑ גאר נישט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס זאגט דער גרויסער אדלער?**
- ❑ הערט אויף זיין עשירים
- ❑ הערט אויף זיין ארימע לייט
- ❑ הערט אויף זיין ענוים

**ט. ווענען האט דער אדלער ארויס גענומען די ערשטע?**
- ❑ דעם גרעסטער זקן
- ❑ דאס קינד
- ❑ לויט די א"ב

**י. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זעקסטן זקן וואס געדענקט די טעם?**
- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יא. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זיבעטן זקן וואס געדענקט די ריח?**
- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יב. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם אכטן זקן וואס געדענקט די מראה?**
- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**יג. צו וואו האט ער זיי געהייסן צוריק גיין?**
- ❑ צו די שיפן
- ❑ צו זייערע גופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וואס איז געווען דער אדלער?**
- ❑ אלט
- ❑ אינג
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואס איז געווארן נאך די דרשה געשאנק פון דעם בעטלער?**
- ❑ א גרויסע שמחה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה און זיי זענען זייער פרייליך געווען

**טז. *שאלת זכות: ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בלינדן בעטלער?*** (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)
- ❑ *ביום שני כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תק"ע*
- ❑ *בליל שבת קודש כ"ה אדר תקס"ט*

?

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

דער שַׂמָש, אַן עֶלְטֶערֶער איד עֶפְנֶט אויף דֶעם טִיר פַאר ר' נָתָן. דער שַׂמָש איז שׁוין מְקוּרָב צום רֶבִּי'ן פון ווען דער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אין די אִינְגֶע יָארְן.

"פון וואו קוּמְסְטוּ?" פְרֶעגְט דער שַׂמָש "פון נֶעמִירוֹב," עֶנְטְפֶערְט ר' נָתָן. "פון נֶעמִירוֹב? פון וואו וֵוייסְטוּ צוּ זָאגְן פון דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?"

ר' נָתָן עֶנְטְפֶערְט אִים אַז נֶעמִירוֹב איז נִישְׁט אַזוֹי וַוייט פון בְּרֶסְלֶב, דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶע נָאמֶען הָאט שׁוין דֶערְגְרֵייכְט אויף דָארְט.

"דער שַׂמָש פְרֶעגְט פְלוּצְלִינְג פון ר' נָתָן דוּ בִּיסְט דֶער תַּלְמִיד "**יְהוֹשֻׁעַ נָתָן**"? וָואס איז דַיין נָאמֶען? "פַארְוָואס ווילְט איר ווִיסְן מַיין נָאמֶען?" ווָאוּנְדֶערְט זִיךְ ר' נָתָן!

און דער שַׂמָש דֶערְצֵיילְט פַאר ר' נָתָן אַזוֹי. נָאכְן מְגִלָּה לֵיינֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם מִיטְן רֶבִּי'ן, מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן די שִׂמְחָה וָואס הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט, אַלֶע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעטַאנְצְן און קָאדַאטְשְׁקֶעט אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים. אִינְצְווִישְׁן רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן "מַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ וָואס זַיין נָאמֶען איז נָתָן, בֶּענְקְט זֵייעֶר צוּ זַיין דָא מִיט אוּנְז! עֶר וֶועט אָבֶער עֶנְדִיגְן דֶעם פּוּרִים אִינֶעם טָאג שׁוּשַׁן פּוּרִים!"

"קֵיינֶער פון די אָנְוֶועזֶנְדֶע הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס רֵייד און זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט צוּ פְרֶעגְן פון רֶבִּי'ן וָואס עֶר מֵיינְט," פַארְצֵיילְט דֶער שַׂמָש, אָבֶער אִיךְ פְרֶעג דִיר אֶפְשָׁר איז דַיין נָאמֶען יְהוֹשֻׁעַ נָתָן?

"**אִיךְ הֵייס נָתָן!**" דֶען פַארְוָואס רוּפְט מִיךְ דֶער רֶבִּי מִיטְן צוּנָאמֶען יְהוֹשֻׁעַ? קֶען זַיין ווייל עֶר איז מִתְפַּלֵּל אויף מִיר אִיךְ זָאל וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פון אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אויף יְהוֹשֻׁעַ.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי בַּיי די מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעהֵייסְן זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן עֲמָלֵק, אַזוֹי אויךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן ווען עֲמָלֵק שִׁיסְט זַיינֶע גִיפְטִיגֶע פַייְלְן און עֶר ווִיל חַס וְשָׁלוֹם לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים מִנַּעַר וְעַד זָקֵן, דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם תַּלְמִיד ר' נָתָן - דֶער גְרוֹיסֶער גֶענֶעַראל - וֶועלְכֶער איז אוּנְז מְגַלֶּה און לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס ווִיאַזוֹי צוּ נִיצְן די מִלְחָמָה גֶעצֵייג און מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן עֲמָלֵק.

אִין יֶעדְן דוֹר איז דָא אַ צַדִּיק וָואס איז אַ בְּחִינָה פון מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק און עֶר איז מוֹדִיעַ פַאר אַלֶעמֶען אַז "קֵיין יָאוּשׁ איז נִישְׁט פַארְהַאנְדְן!" פַאר קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, פון קֵיין שׁוּם זַאךְ, און נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶועלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אַז מִיר קֶענֶען מַכְנִיעַ זַיין עֲמָלֵק.

און ר' נָתָן לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיט הִתְחַזְּקוּת, קֶענֶען מִיר אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק!! אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט תְּפִלָּה, מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה און הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט שִׂמְחָה אַז מִיר זֶענֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער, וֶועלְן מִיר קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת און הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "**אַמָאל זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת גֶעוֶוען פון פֶּסַח, און הַיינְט...**" דֶער רֶבִּי איז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין און נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט. אָבֶער ר' נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, אַז הַיינְט, דָאס מֵיינְט פון רֶבִּינְ'ס צַייטְן הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן פון פּוּרִים. יֶעצְט איז די צַייט וֶוען מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן, און אוֹיבּ דוּ הָאסְט שׁוין אָנְגֶעהוֹיבְּן קֶענְסְטוּ אוֹיסְפִירְן און עֶנְדִיגְן.

יָא, מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעך מִיט אוּנְזֶערֶע פִּיצְקֶעלֶעךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער איז אוּנְז מְזַכֶּה צוּ טוּן יֶעדְן טָאג קֶענֶען אוֹיסְפִירְן די מִלְחָמָה קֶעגְן עֲמָלֵק, מִיטְן כֹּחַ פון אוּנְזֶער גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן און זַיינֶע ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וָואס עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען סְפֶּעצִיעֶל פַאר אוּנְזֶער דוֹר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין די טֶעג וֶוען מִיר לֵיינֶען דָא אוּנְטְן פָּרָשַׁת זָכוֹר, און די הֵיילִיגֶע מְגִלָּה, זָאל מֶען שׁוין מְעוֹרֵר זַיין די מִדַּת הָרַחֲמִים אוֹיבְן, און אַזוֹי ווִי בַּיָּמִים הָהֵם איז גֶעוֶוען נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ - אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמְט מִיט זַיין מִדָּה פון רַחֲמָנוּת און אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶעס לְטוֹבָה, זָאל אויךְ זַיין בִּזְמַן הַזֶּה **וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשׂנְאֵיהֶם**, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת און סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, זָאל וֶוערְן **לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן וִיקָר אָמֵן וְאָמֵן.**